Reshimu Editions

# יום הכפורים הוא זמן תשובה

*Yom Kippur Is a Time for Teshuvah*

Likkutei Sichos, vol. 29, p. 203
Talks of Shabbos Parshas Haazinu, Shabbos Shuvah, 6 Tishrei 5727

**Bold** — translation of the Rebbe's words. *Italic* — editorial elucidation. Hebrew column follows the printed text verbatim, footnote markers retained.

## א

English

**Much has already been said about the words of our Sages, "the ten days between Rosh Hashanah and Yom Kippur."** *On the surface, this phrase contains two opposites.* **"Between Rosh Hashanah and Yom Kippur" implies that Rosh Hashanah and Yom Kippur themselves are not included in the count** — *yet from the fact that the Gemara says "ten days between...," it is clear that Rosh Hashanah and Yom Kippur themselves ARE included, since between Rosh Hashanah and Yom Kippur there are only seven days.*

**The explanation is that Rosh Hashanah and Yom Kippur each contain two dimensions:**

(a) **Their essential content — which is not teshuvah**: *the essential content of Rosh Hashanah is* **"crown Me over yourselves," accepting His sovereignty, "and with what — with a shofar"**; *and the essential content of Yom Kippur is* **"the essence of the day itself atones"** — *an atonement from the day itself, (even) higher than the atonement achieved through teshuvah* — **and on this account Rosh Hashanah and Yom Kippur stand higher than "the days between," whose content is teshuvah.**

(b) **And in addition, there is also present in them the element of teshuvah** — *on account of which they too are included among the "ten days of teshuvah."*

*[From this it follows that the teshuvah of Rosh Hashanah and Yom Kippur is a different, higher mode — not bound up with the motion of bitterness, but essentially a* **teshuvah out of joy.** *Not only on Rosh Hashanah, when one may not recite confessions — but even on Yom Kippur (when there is an obligation to confess), the Alter Rebbe*

יידיש

מ׳האט שוין פיל מאל גערעדט[1] וועגן דעם לשון חז״ל[2] „עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים״ — אז אין דעם לשון זיינען לכאורה פאראן צוויי הפכים: „שבין[3] ר״ה ליוהכ״פ״ באווייזט[4] אז ראש השנה און יוהכ״פ גייען ניט אריין אין די ימים[5]; פון דעם אבער וואס די גמרא זאגט „עשרה ימים שבין כו׳״ איז מוכח, אז אויך ר״ה ויוהכ״פ גייען אריין אין דעם חשבון פון די עשרה ימים, ווארום צווישן ר״ה און יוהכ״פ זיינען דאך בלויז זיבן טעג.

וי״ל דעם ביאור אין דעם, אז אין ר״ה ויוהכ״פ זיינען דא צוויי ענינים:

א) זייער עיקר ענין (וואס דאס איז ניט דער ענין התשובה): דער ענין עיקרי פון ראש השנה איז — „תמליכוני עליכם״, קבלת מלכותו ית׳ „ובמה בשופר״[6]; און דער ענין עיקרי פון יום הכפורים איז — „עצמו[7] של יום הכפורים מכפר״[8] (א כפרה מצד דעם עצם טאג, וואס איז (נאך) העכער ווי די כפרה שעל ידי תשובה[9]) — און מצד דעם זיינען זיי העכער פון די „ימים שבין ר״ה ליוהכ״פ״ (וואס ענינם איז תשובה);

ב) דערנאך איז פאראן אין זיי אויך דער ענין התשובה — צוליב וועלכן זיי אויך ווערן אריינגערעכנט אין די (עשרת) ימי תשובה.

[ביז אז מען געפינט, אז די תשובה פון ר״ה ויוהכ״פ איז אן אנדערער, א העכערער אופן אין תשובה, וואס איז ניט פארבונדן (כ״כ) מיט דער תנועה פון מרירות, נאר זי איז (בעיקר) א תשובה מתוך שמחה[10]. לא מיבעי ראש השנה, ווען מ׳טאר ניט זאגן קיין וידויים כו׳[11], נאר אפילו ביום הכפורים (ווען עס איז דא א חיוב להתודות[12]) — פסק׳נט דער אלטער רבי[13]: „הלובש שק מחמת תשובה צריך לפשטו ביוהכ״פ מפני שהוא יו״ט וצריך לכבדו בכסות נקי״. ד.ה. אז די תשובה פון

rules: **"One who wears sackcloth on account of teshuvah must remove it on Yom Kippur, because it is a Yom Tov and must be honored with clean garments."** *The teshuvah of Yom Kippur may not contradict its Yom Tov character.]*

יוהכ"פ טאר ניט זיין בסתירה צום יו"ט שבו, און דעריבער טאר מען ניט טראגן א „שק מחמת תשובה"[14]]

> DEPTH · TWO ATONEMENTS
>
> The sicha's whole structure rests on a distinction between an atonement that is earned (through teshuvah, cause and effect) and one that is not earned at all — the Rambam's **עצמו של יום מכפר**, "the essence of the day atones," read here as independent of, and higher than, the kapparah a person achieves by doing teshuvah.

## ב

ENGLISH

**With this one can also understand what is written in the Siddur of the Arizal** *regarding the ten days of teshuvah*: **"Whoever returns in complete teshuvah and fasts on the seven days of teshuvah, all his sins are forgiven him... the first of the seven days, falling on a Sunday, atones for all the sins he committed on a Sunday throughout the year, and so too the second day," etc.** *That is: each of the seven weekdays between Rosh Hashanah and Yom Kippur corresponds to its counterpart weekday across the entire year.*

*From this it is understood that these seven days are set apart — even from Rosh Hashanah and Yom Kippur — specifically for teshuvah, to the point that precisely about them one says they contain within themselves all the days of the year.*

*Now on the surface: where do we find that one should set apart "the seven days of teshuvah" from the ten?* **Based on the above, the source is the words of our Sages themselves — "the ten days between Rosh Hashanah and Yom Kippur"** *— the (seven) days "between" are set apart from Rosh Hashanah and Yom Kippur in that they are dedicated (solely) to teshuvah —*

יידיש

דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט אין סידור האריז"ל[15] וועגן די (עשרת) ימי תשובה, וז"ל: „מי שיחזור בתשובה גמורה ויתענה בז' ימי התשובה נמחל לו כל עונותיו.. יום ראשון מז' ימי התשובה ביום א' דשבת מתכפרים לו כל עונותיו שחטא ביום א' דשבת, וכן ביום ב' כו'". ד.ה. אז יעדערער פון די שבעת ימי השבוע צווישן ר"ה ויוהכ"פ איז כנגד זיין באטרעפנדן טאג מימי השבוע דכל השנה כולה.

פון דעם איז פארשטאנדיק, אז די ז' ימים זיינען אויסגעטיילט (אפילו פון ר"ה ויוהכ"פ) בענין התשובה, ביז, אז דוקא אויף זיי זאגט מען אז זיי זיינען כולל אין זיך (בנוגע לענין התשובה) כל ימי השנה.

ולכאורה: וואו געפינט מען אז מ'זאל אויסטיילן „ז' ימי התשובה"[16] (פון די עשרת ימי תשובה)? וע"פ הנ"ל י"ל, אז דער מקור לזה איז פון דעם לשון חז"ל גופא — „עשרה ימים שבין ר"ה ליוהכ"פ", אז די (ז') ימים „שבין ר"ה ליוהכ"פ" זיינען אויסגעטיילט פון ר"ה ויוהכ"פ דערמיט וואס זיי זיינען מיוחד (בלויז) אויף ענין התשובה; משא"כ בר"ה ויוהכ"פ, וואס (א) תשובה איז ניט עיקר ענינם, (ב) אויך די תשובה שבהם איז אן אנדער אופן אין תשובה, כנ"ל.

*unlike Rosh Hashanah and Yom Kippur, where (a) teshuvah is not their essential content, and (b) even the teshuvah within them is a different mode, as above.*

## ג

English

*One must understand, however:*

**The Rambam rules in Hilchos Teshuvah: "Although teshuvah and crying out to G-d are always good, during the ten days they are even better..."** *and continues*: **"Yom Kippur is a time of teshuvah for all... and it is the conclusion of forgiveness and pardon... therefore all are obligated to do teshuvah and to confess on Yom Kippur."**

*From the Rambam's continuation it seems the obligation of teshuvah on Yom Kippur is even greater than in the preceding nine days — how does this fit with what was explained above?*

*One might say the Yom Kippur obligation is (merely) a byproduct of "the essence of the day atones" — the teshuvah removes an obstacle so the automatic atonement can take effect.* **But this is a considerable forcing of the Rambam's language**, *because the plain sense implies the obligation comes from the fact itself that "Yom Kippur is a time of teshuvah" — not only a day of atonement.*

*[And this fits with Rabbeinu Yonah's words: "It is a positive Biblical commandment to arouse one's spirit to teshuvah on Yom Kippur, as it is said, 'from all your sins before Hashem shall you be cleansed.'"]*

*One must say: there remains a fundamental difference between the teshuvah of the ten days and the teshuvah of Yom Kippur — underscored by the Rambam stating them in two separate halachos, not one.* **And therefore, when one speaks of the ten days as "days of teshuvah,"**

יידיש

מען דארף אבער פארשטיין: דער רמב״ם פסק׳נט אין הלכות תשובה[17]: אע״פ שהתשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה ימים שבין ר״ה ויוהכ״פ היא יפה ביותר כו׳ (און אין דער הלכה שלאח״ז איז דער רמב״ם ממשיך:) יום הכפורים הוא זמן תשובה לכל כו׳ והוא קץ מחילה כו׳ לפיכך חייבים הכל לעשות תשובה ולהתודות ביום הכפורים.

פון המשך לשון הרמב״ם איז מוכח, אז דער חיוב תשובה ביום הכפורים איז נאך מער ווי אין די פריערדיקע ט׳ הימים — איז ווי שטימט עס מיט הנתבאר לעיל, אז דער ענין התשובה איז מער בהדגשה אין די ז׳ ימים לגבי (ר״ה ו)יוהכ״פ?

לכאורה וואלט מען געקענט זאגן, אז דאס וואס עס איז פאראן א חיוב תשובה ביום הכפורים איז עס ניט ווייל יום הכפורים מצד עצמו איז מיוחד לתשובה, נאר דאס איז (בלויז) א תוצאה פון דעם ענין עיקרי (הנ״ל) פון יוהכ״פ — „עצמו של יום הכפורים מכפר״[18]: וויבאלד דער רמב״ם פסק׳נט אז „עצמו של יום הכפורים מכפר לשבים (דוקא)״[19], דעריבער לייגט זיך א חיוב תשובה אויף כאו״א, כדי עס זאל קענען זיין דער „עצמו של יום הכפורים מכפר״, די תשובה נעמט אראפ א דבר המונע.

אבער עס איז א דוחק גדול צו מפרש זיין אזוי אין רמב״ם, ווייל פון פשטות המשך לשון הרמב״ם איז משמע, אז דער חיוב תשובה ביום הכפורים איז (ניט א תוצאה פון אן אנדער זאך — נאר) מצד דעם וואס „יום הכפורים הוא זמן תשובה״[21]; ביום הכפורים איז פאראן א חיוב תשובה אלס „זמן תשובה״[22] (ניט נאר אלס יום כפרה).

[און דאס איז מתאים צום לשון רבינו יונה הידועה (בשערי תשובה שלו)[23], אז „מצות עשה מן התורה להעיר אדם את רוחו

לחזור בתשובה ביום הכפורים שנאמר[24] מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו״]

one in fact sets apart the seven days between — because the obligation on Yom Kippur is a matter unto itself.

מוז מען זאגן, אז אע״פ וואס יוהכ״פ איז טאקע מיוחד (אויך) אויף ענין התשובה, פונדעסטוועגן איז דא א חילוק עיקרי צווישן דער תשובה מיוחדת אין די (עשרה) ימים שבין ר״ה ליוהכ״פ און — תשובת יוהכ״פ; דער חיוב מיוחד ביוהכ״פ „לעשות תשובה ולהתודות״ איז ניט פארבונדן מיט דער מעלה מיוחדת אין דער תשובה פון די עשרה ימים — און ווי ס׳איז אויך מודגש אין חלוקת ההלכות אין רמב״ם. און דערפאר, ווען מען רעדט וועגן די עשרה ימים שבין ר״ה ליוהכ״ם אלס עשרת ימי תשובה, איז אדרבה: מען טיילט אויס די ז׳ הימים שבין ר״ה ליוהכ״פ, ווייל דער חיוב תשובה ביום הכפורים איז אן ענין בפ״ע.

Depth · Rambam, Hilchos Teshuvah 1:3–4

(3) "Although teshuvah and crying out are always good, during the ten days between Rosh Hashanah and Yom Kippur they are even better and accepted immediately, as it says, 'Seek Hashem when He is found' (Yeshayahu 55:6)." (4) "Yom Kippur is the time of teshuvah for everyone, individual and community, and it is the end of forgiveness and pardon for Israel — therefore all are obligated to do teshuvah and to confess on Yom Kippur." Placing these in two separate halachos, not one continuous statement, licenses reading them as two different kinds of obligation.

## ד

English

*Following the above, "Yom Kippur is a time of teshuvah for all" is puzzling: the Rambam had just said all ten days are "even better" for teshuvah — so why single out Yom Kippur alone as "a time of teshuvah"?*

*Explanation: teshuvah in general is a commandment not bound to a specific time — the obligation arises whenever one sins. What the ten days add is not a new obligation, but that the teshuvah done then is (the Rambam's precise words)* **"better, and accepted immediately"**: *since during the ten days Hashem is "found… near," a benefit accrues to teshuvah — it becomes more effective.*

יידיש

וועט עס זיין פארשטאנדיק לויטן ביאור בלשון הרמב״ם הנ״ל „יום הכפורים הוא זמן תשובה לכל כו״ — דלכאורה תמוה: דער רמב״ם האט דאך ערשט געזאגט אין דער הלכה שלפנ״ז אז „אע״פ שהתשובה והצעקה יפה לעולם בעשרה הימים כו׳ היא יפה ביותר כו״, און ווי ער טייטשט אפ אז דאס איז (אפילו) ביחיד, וואס דערפון פארשטייט מען אז די אלע עשרת הימים זיינען „זמן תשובה״, ובשמם „עשרת ימי תשובה״[25] — איז ווי זאגט ער גלייך דערנאך אז (נאר) „יום הכפורים הוא זמן תשובה״?!

*[The word "more beautiful" also hints that this teshuvah carries more sweetness and joy — for although teshuvah year-round is bound up with regret out of bitterness, one must nonetheless be joyful that the soul is* **"returning to her Father's house as in her youth."** *During the Ten Days that joy of closeness is intensified.]*

**Yom Kippur's achievement, however, is different: the time of Yom Kippur itself obligates teshuvah** — *not merely making it easier or more elevated, but creating the obligation. [And this is not (only) because Yom Kippur is one of the days Hashem is "found near" — that nearness expresses itself on Yom Kippur in something even higher than teshuvah: "the essence of the day atones," as above, seif א.]*

וי״ל דעם ביאור בזה: בכלל איז תשובה א מצות עשה שאין הזמן גרמא. גלייך ווי מען באגייט א חטא לייגט זיך אויפן חוטא א חיוב צו טאן תשובה; דער חיוב צו טאן תשובה אויף א חטא איז ניט פארבונדן מיט א זמן מיוחד — ס'איז אין יעדן זמן אויב מ'האט געטאן א חטא.

און דאס וואס מען זאגט בנוגע די עשרה הימים אז זיי זיינען אויסגעטיילט אין ענין התשובה — איז ניט דער פירוש אין דעם אז אין די עשרה ימים קומט צו אין דעם עצם חיוב תשובה[27], נאר או די תשובה אין די טעג איז (כדיוק לשון הרמב״ם) „יפה ביותר ומתקבלת היא מיד": וויבאלד אז אין די עשרת הימים איז א מצב פון „בהמצאו.. בהיותו קרוב"[28], איז איינע פון די תוצאות דערפון, אז דורך דעם קומט צו א תועלת (אויך) לגבי ענין התשובה, אז „היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד".

[ויש לומר, אז מיטן לשון „יפה ביותר" איז דער רמב״ם (אויך) מרמז, אז די תשובה פון עשי״ת איז מיט מער געשמאק און שמחה. און דאס זאגט דער רמב״ם „אע״פ שהתשובה.. יפה לעולם" — א גאנץ יאר קען עבודת התשובה זיין מתוך שמחה[29], ווארום כאטש תשובה איז פארבונדן מיט דער התעוררות פון חרטה כו' מתוך מרירות, דארף מען אבער בשעת מעשה זיין בשמחה דערפון וואס די נפש איז „שבה אל בית אבי' כנעורי'"[30], אבער אין די עשרת הימים איז תשובה „יפה ביותר". ווארום וויבאלד אז דער אויבערשטער איז „בהמצאו.. בהיותו קרוב", איז דאך די שמחה דערפון וואס מ'ווערט נעענטער צום אויבערשטן — ביתר שאת וביתר עוז]

דער אויפטו פון יום הכפורים איז אבער, אז — „יום הכפורים הוא זמן תשובה.. לפיכך חייבים.. לעשות תשובה ולהתודות ביום הכפורים": דער זמן פון יום הכפורים איז מחייב תשובה. ס'איז ניט (בלויז) דער פירוש, אז דער זמן פון יוהכ״פ מאכט אז די תשובה זאל זיין גרינגער, העכער וכו' — נאר דער זמן שאפט א חיוב תשובה. [און דער ענין אין יוהכ״פ איז ניט פארבונדן (דוקא) דערמיט וואס ער איז פון די עשרה ימים ווען דער אויבערשטער איז „בהמצאו.. בהיותו קרוב". ואדרבה: דער „בהמצאו.. בהיותו קרוב" ביום הכפורים דריקט זיך אויס אין א העכערן ענין ווי תשובה — דאס וואס „עצמו של יוהכ״פ מכפר" (כנ״ל סעיף א)]

Depth · Footnote 30 — the prince who was ground in prison

The footnote's source, Tanya ch. 31, gives this sicha its emotional register in full: a person's service should be "**in great joy — the joy of the soul as it leaves the repulsive body and returns to her Father's house, as in her youth,**" for "**there is no joy greater than leaving exile and captivity — like a prince who was held captive, grinding grain in the prison-house, filthy in the garbage — and he goes out to freedom, to his father's house, the king's house.**" The Ten Days don't lower teshuvah's bitterness; they speed up the homecoming — "accepted immediately."

## ה

English

*Accordingly, one can clarify the nature of the obligation "to do teshuvah... on Yom Kippur" — not simple: either one has sinned, and is obligated at whatever time (nothing to do with Yom Kippur specifically); or one has no sins, and teshuvah does not apply at all!*

*Some Acharonim explain: the general obligation has no fixed time — as long as a person lives and can do teshuvah, the mitzvah is not yet nullified (only dying without teshuvah nullifies it). On Yom Kippur, however, there is a mitzvah to do teshuvah specifically then, and not doing so nullifies it.*

*But from the Rambam's emphasis — "Yom Kippur is a time of teshuvah for the individual and the community... therefore all are obligated" — it appears something is added to the obligation itself: a different obligation than the year-round one.*

יידיש

לויט דעם קען מען אויך מסביר זיין דעם גדר החיוב „לעשות תשובה.. ביום הכפורים" — דלכאורה איז ניט גלאטיק: ממה־נפשך: האט מען באגאנגען א חטא, איז מען מחוייב אין תשובה באיזה זמן שיהי' (אינו שייך לחיוב פון יום הכפורים); און אויב מ'האט ניט קיין חטאים — איז בכלל ניט שייך קיין (חיוב) תשובה (מצד יום הכפורים)?

עם זיינען פאראן אחרונים וואס לערנען אז דער חילוק איז: דער חיוב תשובה בכלל האט ניט קיין זמן מסוים, און דערפאר, כל זמן דער מענטש לעבט און קען תשובה טאן, האט ער נאך ניט מבטל געווען די מ"ע פון תשובה (און נאר ווען מת בלא תשובה איז דאמאלם ביטול מ"ע[31]); משא"כ ביוהכ"פ איז דא א מ"ע צו תשובה טאן ביום זה, און אויב מ'טוט ניט תשובה ביוהכ"פ האט מען מבטל[32] געווען די מ"ע[33].

אבער פון לשון הרמב"ם „יום הכפורים הוא זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים כו' לפיכך חייבים הכל לעשות תשובה כו' ביוהכ"פ" — וואס די הדגשה זאגט דער רמב"ם דוקא לגבי דעם חיוב תשובה דיום הכפורים — איז משמע, אז עם קומט צו א הוספה אין דעם עצם חיוב התשובה, עם איז אן אנדער חיוב ווי דער חיוב תשובה בכל ימות השנה.

## ו

English

יידיש

*All year, the person's condition (having sinned) is the cause creating the obligation — so it is not fitting to say "all are obligated." On Yom Kippur, however, the time itself is the cause, and therefore it applies to everyone — "a time of teshuvah for the individual and the community... all are obligated."*

*This is not difficult: how can "all" be obligated — teshuvah applies only if one has sinned! The Rambam anticipates this himself, immediately in the next halachah:* **"Sins that one confessed on one Yom Kippur, one confesses again on a later Yom Kippur, even though one still stands in that teshuvah, as it is said, 'For I know my transgressions, and my sin is ever before me.'"** *And since* **"there is no righteous person on earth who does [only] good and never sins,"** *there is always room for teshuvah for every person.*

*The distinction: when the person's condition causes the obligation, once one has done teshuvah, there is no renewed obligation to be aroused over that sin again. But on Yom Kippur, since the time itself obligates and places the obligation on "all" — if at any point in one's life there was ever anything for which teshuvah was possible, one is obligated, since "my sin is ever before me."*

וי"ל ההסברה בזה: בכל ימות השנה איז דער מצב הגברא (וואס האט חטא געווען) — די סיבה וועלכע שאפט דעם חיוב תשובה אויפן אדם. ממילא איז ניט שייך צו זאגן אז „חייבים הכל לעשות תשובה" — עס ווענדט זיך צי דער אדם איז אין א מצב וואס פאדערט תשובה אדער ניט.

משא"כ ביוהכ"פ איז דער זמן די סיבה אויפן חיוב תשובה, ובמילא איז עס שייך צו אלעמען — עס איז „זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים.. חייבים הכל לעשות תשובה"; אין דעם חיוב מחמת הזמן איז ניטא קיין הגבלה און עס איז חל אויף „הכל".

ס'איז קיין קשיא ניט: סוף־סוף ווי איז פארט שייך צו מחייב זיין „הכל" אין תשובה — תשובה (כפשוטה) איז דאך שייך נאר אויב מ'האט א חטא! באווארנט עם דער רמב"ם גלייך אין דער הלכה שלאח"ז[34]: „עבירות שהתודה עליהם ביום הכפורים זה חוזר ומתודה עליהן ביום הכפורים אחר אע"פ שהוא עומד בתשובתו שנאמר[35] כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד". און היות אז „אין[36] צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא", איז דאך אלעמאל דא ארט אויף תשובה פאר יעדן איינעם, ווייל „וחטאתי (אע"פ שנתכפר כבר) נגדי תמיד" (כשם ווי „חוזר ומתודה עליהן")[37].

דער חילוק אין דעם איז נאר: ווען די סיבת החיוב לעשות תשובה איז דער מצב (חטא) האדם — איז אויב דער אדם האט (ניט חטא געווען, אדער) שוין תשובה געטאן אויפן חטא, איז ניטא אויף אים קיין חיוב נאכאמאל צו נתעורר ווערן בתשובה על חטא זה (אע"פ וואס „וחטאתי נגדי תמיד"); ביום הכפורים אבער, וואס דער זמן איז מחייב תשובה, און עס לייגט זיך א חיוב אויף „הכל לעשות תשובה" — איז אויב ס'איז געווען בחייו אן ענין אויף וועלכן ס'איז מעגלעך תשובה[39], איז מען אין דעם מחוייב, וויבאלד „וחטאתי נגדי תמיד".

Depth · Footnote 45 — why only G-d could say it

The Yerushalmi (Makkos 2:6) behind footnote 45: **Chochmah was asked, "the sinful soul — what is her punishment?" and answered: "the sinful soul, she shall die." Prophecy was asked, and answered: "sin pursues sinners" (Mishlei 13:21). Torah was asked, and answered: "let him bring a guilt-offering, and it will atone for him." G-d Himself was asked, and answered: "let him do teshuvah, and he will be forgiven."** Proof-text: **"Good and upright is Hashem, therefore He instructs sinners in the way" (Tehillim 25:8)** — only Hashem, not even Torah, instructs the sinner in a way back. Torah's answer still operates within measure and limit — a korban atones for the unintentional but cannot transform a willful sin. Only Hashem's own answer, from above the whole chain, can turn willful sins into merits.

## ו (printer's numbering — evidently ז)

English

*This is sweetened by what is explained in Tanya regarding "my sin is ever before me": even though* **"one has already done proper teshuvah,"** *when a Jew is elevated to a higher level in the service of Hashem, a* **"higher teshuvah"** *is demanded of him.*

*So too here: on account of the greatness of Yom Kippur, through which every Jew is elevated, even matters on which one already did "proper teshuvah" require, on Yom Kippur, a higher teshuvah. Put differently: teshuvah is called for even over matters which, before Yom Kippur, were not reckoned to him as sins at all — as is known, the explanation for why we say "forgive us" within the Shemoneh Esreh, and not before the prayer.*

יידיש

ויומתק ע״פ המבואר אין תניא[40] בענין „וחטאתי נגדי תמיד״, אז אע״פ וואס „כבר עשה תשובה נכונה״, איז בשעת א איד ווערט נתעלה אין א העכערער מדריגה אין עבודת ה׳, פאדערט זיך פון אים א „תשובה עילאה יותר״.

ועד״ז בעניננו: מצד מעלת היום פון יום הכפורים, וואס יעדער איד ווערט נתעלה כו׳, איז אפילו די ענינים אויף וועלכע מ׳האט שוין פריער תשובה געטאן א „תשובה נכונה״, דארף מען ביוהכ״פ האבן א העכערע תשובה.

בסגנון אחר קצת: מצד דעם עלי׳ פון א אידן ביום הכפורים, פאדערט זיך תשובה אויף ענינים וואס פאר יוהכ״פ (ווען ער איז געווען אין א נידעריקערער מדריגה בעבודת ה׳) זיינען זיי (לגבי המדריגה ההיא) ניט פאררעכנט געווארן ווי חטאים[41]. כידוע[42] הביאור אין דעם וואס מען זאגט ברכת סלח לנו „בתפילת[43] שמונה עשרה.. ולא קודם התפלה״.

## ח

English

**The explanation according to the inner dimension: why specifically Yom Kippur is a "time of teshuvah":**

יידיש

דער ביאור ע״פ פנימיות הענינים אין דעם וואס דוקא יום הכפורים איז „זמן תשובה״: תשובה איז העכער פון דעם גדר פון זמן, הרהור תשובה ברגעא חדא — נעשה צדיק גמור[44] (וואס דערפאר איז תשובה ברגעא חדא ממלא כל הפגמים פון

משך זמן רב). דער כח אין תשובה קומט דערפון וואס תשובה איז פארבונדן מיט הקב"ה עצמו (כמחז"ל[45] אז דוקא הקב"ה האט געזאגט „יעשה תשובה ויתכפר לו").

*Teshuvah is higher than the category of time altogether — a* **momentary thought of teshuvah** *makes a person* **a complete tzaddik** *(which is why teshuvah in a single moment can fill in the flaws of a long span of time). The power of teshuvah comes from the fact that teshuvah is bound up with the Holy One Himself (as our Sages taught, only He could say, "let him do teshuvah and he will be forgiven").*

[ועד"ז בא דעם אדם איז די התעוררות תשובה פארבונדן מיט עצם נשמתו וואס איז אלעמאל גאנץ[46], און דעריבער ווערט פון דארט נתמלא דער פגם אין דער הארת והתפשטות הנשמה]

*[And correspondingly for the person: the arousal of teshuvah is bound up with the essence of his soul, which is always whole — and from there the flaw in the soul's illumination is filled in.]*

נוסף ביום הכפורים: הנ"ל איז נמשך בגלוי מצ"ע אין זמן — „זמן תשובה". יוהכ"פ פועל'ט אז אידן זיינען (כמלאכים[47] -) העכער פון וועלט. און דאס קומט אראפ אין זמן פון יוהכ"ם, וואס ווערט אנגערופן אין תורה[48] „אחת בשנה", וואס: (א) דער פירוש פון „אחת" איז „יחידה", כדאיתא בתוספות[49]. (ב) „יום אחד" איז (אין זמן גופא) א זמן וואס ווייזט אויף העכער פון הגבלה והתחלקות. כמבואר אין תורה אור[50] דער טעם וואס שבועות איז יום אחד, ווייל שבועות איז „זמן קבלת התורה.. שהוא בחי' יחידה שלמעלה מהתחלקות".

*Beyond this, on Yom Kippur: the above is drawn down in revealed form specifically within time — "a time of teshuvah." Yom Kippur causes Jews to be, like angels, above the world — and this comes down within the time of Yom Kippur, which the Torah calls* **"one day."**

עצמו — דער עצם זמן פון יום הכפורים איז א „כלי" אויף ענין התשובה (שלמעלה מזמן[51]) — „יום הכפורים הוא זמן תשובה".

**Essentially — the very time-essence of Yom Kippur is a "vessel" for the matter of teshuvah, which is [in itself] above time — "Yom Kippur is a time of teshuvah."**

Depth · Why a "vessel" is needed at all

If teshuvah is above time — a single moment reaching backward to erase years — why does it need a "time of teshuvah" on the calendar? Yom Kippur isn't teshuvah's power source (that's teshuvah's bond with Hashem's essence, timeless); Yom Kippur is teshuvah's channel into time — the one day built, in its nature as "echad" (yechidah, above division), to carry something that transcends days altogether.

(משיחות ש"פ האזינו, שבת שובה, ו' תשרי תשכ"ז)

*From the talks of Shabbos Parshas Haazinu, Shabbos Shuvah, 6 Tishrei 5727*

---

## Footnotes

**1.** ראה לקו"ש ח"ד ע' 1144, 1150 ואילך.

**2.** ר"ה יח, א. יבמות מט, סע"א. שם קה, סע"א.

**6.** ר״ה טז, סע״א; לד, ב.

**8.** רמב״ם הל׳ תשובה פ״א ה״ג-ה״ד.

**10.** תניא פל״א ואילך; שם ספל״ד; אגה״ת ספ״י וספי״א.

**13.** שו״ע אדה״ז או״ח סו״ס תרי, ממג״א שם סק״ה בשם ס׳ חסידים סתרט״ו.

**17.** רמב״ם הל׳ תשובה פ״א ה״ו.

**23.** רבינו יונה, שערי תשובה שער ב׳ אות יד; שער ד׳ אות יז.

**26.** לקו״ש נשא תש״נ (חידושים וביאורים בש״ס ח״א סי׳ יח).

**30.** תניא פל״א (מ, סע״א).

**35–37.** תהלים נא, ה; קהלת ז, כ; בית אלקים להמבי״ט, שער התשובה פ״ו.

**40.** תניא פרק ל״ט (לו, ב).

**42–43.** תו״א וארא נה, ד.

**44.** קדושין מט, ב (בגירסת האור זרוע סי׳ קיב).

**45.** ירושלמי מכות פ״ב ה״ו; פסיקתא דר״כ פ׳ שובה; יל״ש תהלים רמז תשב.

**48–50.** ס״פ תצוה, אחרי טז, ל; מנחות יח, א; תו״א יתרו.

Reshimu Editions